# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
רבי אביגדור מיללער זצ"ל

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

שמות
תשי"פ לפ"ק
גליון ק"ג



## שאלה

### זאל א מענטש שלאפן שבת נאכמיטאג?

## ענטפער:

אויסדרוקליך. אויסדרוקליך! אבער דאס מיינט נישט אז מען זאל ארייננקריכן אין די נאכט-קליידער און דארט בלייבן א גאנצן שבת... ווייל שבת איז א וואונדערליכע געלעגנהייט פאר אסאך בעסערע זאכן ווי שלאף.

אבער איר מוזט פארשטיין אז שלאף איז גאר וויכטיג פאר אונזער געזונט. ס'איז אויסטערליש וויכטיג פאר אונזערע גייסטישע געזונט, און עס ווערט פארנאכלעסיגט ביי זייער אסאך מענטשן. דעריבער איז שבת א גוטע געלעגנהייט אריינצוכאפן שלאף. א דאנק שבת קענען אסאך מענטשן איבערלעבן דעם וואך. ווען נישט וואלטן זיי צאמגעפאלן צוליב מאנגל אין שלאף. דעריבער אודאי זאל מען אויסנוצן שבת פאר שלאפן. אבער זיכער זאל מען נישט איבערטרייבן.

אגב, אז איר האט שוין דערמאנט דעם נושא, וועל איך אייך זאגן אז מען דארף זיין געווארנט צו גיין שלאפן יעדע נאכט אין צייט. און מאכט זיכער צו באקומען גענוג שלאף, ווייל צוליב א מאנגל אין שלאף, האבן זייער אסאך מענטשן רואינירן זייער לעבן. (טעיפ # E-190)

## שאלה

### איז פארהאן היינטיגע צייטן א חילוק צווישן די חסידים און די ליטווישע? און וואס זענען די חילוקים?

## ענטפער:

איך וועל אייך דערציילן א קליינע געשיכטע. אמאל איז געווען א פארמעגליכער מאן, וועלכער האט פארמאגט צוויי קיכן, א פליישיגע קאך מיט א קעכער, און נאך א קאך פאר געשמאקע מילכיגע מאלצייטן. זיין מזל האט זיך איבערגעדרייט, די פארמעגן האט אנגעהויבן צו ווערן ווייניגער, און ער האט געהאט ווייניגער און ווייניגער פלייש און מער און מער קארטאפל. נאך א תקופה האט ער שוין געהאט בלויז קארטאפל, האט ער געזאגט פארוואס זאל מען קאכן 'מילכיגע' קארטאפל און 'פליישיגע' קארטאפל, ס'איז דאך אלעס קארטאפל!

אמאליגע צייטן זענען געווען 'חסידים', מיט עבודת השם, פייערדיגע חסידים! – די פריערדיגע חסידים זענען געווען פייער. 'מתנגדים' – תורה, געלערנט תורה א גאנצע צייט. צוביסלעך זענען זיי נענטער געקומען – היינט איז נישטא קיין גרויסע חילוק.

אגב, ס'איז יא דא א חילוק, און איך זאג אז יעדע גרופע זאל אנהאלטן אירע חילוקים, מיר דארפן נישט ווערן איינס. הקב"ה האט געוואלט אז אלע שבטים זאלן זיין באזונדערע שבטים, ראובן באזונדער, שמעון באזונדער, יעדע שבט האט געהאט זיינע אייגענע אייגנשאפטן, יעדע שבט האט געהאט זיינע אייגענע מעלות. די וועלכע זענען חסידים זאלן בלייבן חסידים, מיר דארפן זיי. מתנגדים, וועלכע זענען אינגאנצן פאר לערנען תורה און יראת שמים, יעדער זאל זיך פארבעסערן אויף זיין שטייגער.

עס קען זיין אז עווענטועל וועלן אלע ווערן די זעלבע, אלע וועלן ווערן צדיקים גמורים! זייער גוט, אבער ביזדערווייל גיבט נישט אויף אייערע אייגנארטיגקייטן. דער איבערשטער האט ליב ראובן, ער האט ליב שמעון, ער האט ליב חסידים, ער האט ליב מתנגדים, ער האט זיי אלע ליב... כן ירבו וכן יגדלו!

## שאלה

**דוד המלך זאגט: "ולא ראיתי צדיק נעזב וזרעו מבקש לכם" - ער האט קיינמאל נישט געזען אן ערליכער איד וואס איז פארלאזט געווארן דורך השי"ת און האט געדארפט שנארן פאר ברויט.** (תהילים לז). **- וויאזוי פארענטפערט איר דעם פסוק מיט'ן פאקט אז מיר זעען פילע ארימע משפחות וועלכע האבן שווערקייטן מיט פרנסה, און דארפן ארויסגיין שנארן?**

## ענטפער:

עס שטייט לא ראיתי צדיק נעזב – איך זע נישט קיין צדיק וואס איז פארלאזט, און זיינע קינדער דארפן זוכן ברויט. איז וויאזוי טוהן מיר דאס פארענטפערן מיט'ן פאקט אז מיר זעען אז ס'איז נישט אזוי?

און דער ענטפער איז – איר וועט מיר דארפן מוחל זיין; איך מיין די דאזיגע מענטשן וועלן מיר דארפן מוחל זיין - אבער נישט יעדער וועמען איר טראכט אז ער איז א צדיק איז פאקטיש אזוי. דער פאקט אז א מענטש זעט דיר אויס צו זיין א צדיק, קען מעגליך בלויז זיין פון אויבנאויף; א צדיק איז עפעס וואס האט צו טון מיט די פנימיות פון א מענטש. דעריבער איז זייער שווער פאר מיר צו ענטפערן די שאלה בכלליות. אבער בפרטיות, יעדע פאל פון וועלכע דו טראכסט, קען זיין אז ער איז נישט.

צומאל זענען דא אויסנאמען, אבער בדרך כלל ברויכן מיר זאגן אז צדיקים שנארן נישט. ווען א מענטש איז א מבקש לחם – ער גייט שנארן, איז א סימן אז עפעס איז נישט ריכטיג. פארוואס ארבעט ער נישט? ריכטיגע צדיקים שנארן נישט – זיי וועלן ענדערש ארבעטן, סיי-וועלכע סארט ארבעט.

יעצט, צומאל ארבעט א מענטש שווער, אבער ס'איז נישט גענוג – ער דארף עקסטער געלט צו צאלן פאר שכר לימוד פאר זיינע קינדער. דאן איז ער נישט קיין **מבקש לחם;** ער איז א "מבקש שכר לימוד." אבער פאר ברויט, ארבעט ער. אבער ווען א מענטש איז א ליידיגגייער און ער איז מטיל עצמו על הציבור, ער ווארפט זיך ארויף אויף די קהלה מען זאל אים שטיצן, זע איך נישט וואסערע צדיק ער איז.

איך קען איין מענטש וואס איז אזוי, א בעל תשובה וואס איז געקומען פון דרויסן פון שטאט. ער איז א גרויסער בעל תשובה – אדער מיינט ער אזוי – ער האט זיך געלאזט וואקסן א גרויסע בארד, און יעצט גייט ער ארום צווישן די חסיד'ישע שטיבלעך און גייט שנארן. איז דאס א דרך פאר א בעל תשובה צו זיין? א בעל תשובה דארף זיך דען ארויףווארפן אויף די פרומע אידן אז זיי זאלן אים שטיצן? פארוואס ארבעט ער נישט?! - דאס אליין ווייזט אז ער איז נישט קיין אמת'ע בעל תשובה, דאס איז נישט קיין צדיק.

## שאלה

**וואס זאגט דער רב איבער פרעזידענט רעיגען'ס אטאקע אויף קאדאפי?**

## ענטפער:

וואס מיר זאגן איבער פרעזידענט רעיגען'ס אטאקע אויף קאדאפי? מיר זאגן, "מר. רעיגען, יישר כחך!"...

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו torasavigdor@gmail.com, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

סידור ועימוד ע"י **מערכת להתענג** וכל הזכויות שמורות

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1
א וואך
מועדים $3

## ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

**כל טוב**